123

# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פּויל

רעדאַקטירט דורך א. ג. פרידנזאָן

## שרה שענירער נשמתה עדן

פרייטיק ערב שבת־קודש פ' ויקהל כ"ו אדר א' תרצ"ה פאַר ליכט־צינדן האט נאָך א לענגערער קראַנקייט אויסגיהויכט איר ריינע נשמה אין עלטער פון צוויי און פופציק יאָר די באַשאַפערן און בויערן פון אונדזער באַוועגונג, פרוי **שרה שענירער** זכרונה לברכה!

**תנצב"ה**

טיף גיבויגן שטייען מיר פאַרן קבר פון דער גרויסער ליכטיקער יידישער פערזענלעכקייט, די באַשאַפערן פון דער הויכער בית־יעקב־אידיי, די מאַמע פון דער בנות־באַוועגונג, די ערשטע מיטגרינדערן און שטענדיקע מיטאַרביטערן פון אונדזער זשורנאַל

פרוי **שרה שענירער** זכרונה לברכה

גרויס איז פאַר אונדז דאָס אומגליק און שטאַרק די ווייטיק. מי יתן לנו תמורתה?

**די רעדאַקציע**

# בית יעקב

ליטעראַרישע שריפט פאַר שול און היים
דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן
רעדאַקטירט דורך א"ג פרידנזאָן

| | | | |
|---|---|---|---|
| ב"ה לאָדזש־וואַרשע־קראָקע | אדר ב׳ תרצ"ה | נומער 123 | צוועלפטער יאָרגאַנג. |

## אין שווייגנדיקער אבלות...

צו מוראדיק דאָס אומגליק, צו שווער די טראַגעדיע, שוין צו האָבן דאָס פאַסיקע וואָרט פאַר דער גרויסער פאָלקס־אבידה.

דער איינציקער הספד פאַר דער גרויסער נפטרת איז איצט:

האנק דום! שווייגן...

טרערן פון צענער טויזנטער אונדזערע ניטרייסטע יונגע קינדער, מישן זיך צווישן אט די שורות... ניו יינץ און יללות שפאַלטן די העכסטע הימלען..

הארצרייסנדיקע זיפצן מאַכן גליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן: „אונדזערע גרויסע, ליכטיקע און האַרציקע מאַמע איז אוועק פון אונדז!"...

„מי יתן לנו תמורתה?" —

ווער קען דען אַ מאַמין פאַרטרעטן?

דאָס ריינע, ערלעכע מאַמע־האַרץ פון שרה שענירער קלאַפּט נישט מער.... דאָס געטרייע שענירערישע מאַמע־ניפיל נישטאָ מער.

צו וועמען וועלן זיך טוליען די געטרייע קינדער, ווען זייער גייסטיקע מאַמע איז נישט מער דאָ ביי זיי?

• • •

מיט פאַרמאַכטע אויגן און דורך טרערן, ווערט לעבעדיק פאַר מיר אַ בילד פון פאַר פופצן יאָרן:

איך בין אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ פרימיטיוועד שטוב פון אַ הויז אין קראָקאָווער גאַסע. אַן־אומבאַקאַנטע פרוי האָט געלערנט מיט אַ צוויי צענדליק מיידלעך „ואהבת, און דו זאָלסט ליב האָבן, את ה׳ אלקיך — ג—ט דיין ג—ט, בכל לבבך, מיט דיין גאַנץ האַרץ, ובכל נפשך מיט דיין גאַנצער נשמה, ובכל מאדך, און מיט דיין גאַנץ פאַרמעגן"....

ווער האָט דאָס דעמאָלט געחלומט אַז פון די פאַר צענדליק מיידלעך וועלן במשך פופצן יאָר ווערן אַ פּאָר צענדליק טויזנט, וואָס וועלן טאַקי אַזוי ליב האָבן דעם אייבערשטן מיט זייער גאַנץ האַרץ און נשמה.

יאָ, ווען שרה שענירערס ווערק בליט, וואַקסט און שטייגט — איז זי אַליין, די מחברטע פונים גרויסן ווערק, אוועק אין די הימלען אויף אייביקן

ווי איז צו אונדזער דור, וואָס האָט נישט זוכה געווען לענגער צו דערהאַלטן די אם בישראל!

• • •

„צדיק נתפס בעון הדור" — דער צדיק ווערט אוועקגעכאַפּט צוליב די זינד פונים דור. די גרויסע צדיקת שרה שענירער איז זיכער, צוליב אונדזערע חטאים אוועק אַזוי פרי און יונג פון דער וועלט.

אַזשר האָבן אירע ריינע און ערלעכע אויגן נישט געקענט צוקוקן מער, דאָס באַציען זיך צו איר לעבנס־ווערק „בית יעקב" מצד אַ טייל אָרטאָדאָקסישע ייִדן אַליין? אפשר האָט איר עמפינדלעך מאַמע האַרץ נישט געקענט דערלייַדן די פאַסיווקייט פון אַ סך אונדזערע ייִדן צום חינוך פון זייערע הימען, זייערע טעכטער און עס איז געפּלאַצט?

זי וועלן כאָטש אירע ליכטיקע אויגן וואָס האָבן זיך פאַרמאַכט, עפענען די אויגן פון די לעבעדיקע, זאָלן זיי זיך אַרומקוקן און זייער היים אַרומזען און דערזען דאָס גרויסע אור, דעם אור ה׳ וואָס לייכט פון „בית יעקב"!

**א"ג פרידנזאָן.**



בשברון לב ובדכאון רוח אנו מבכות את מותה של גבורת־הרוח הכי גדולה אשר בדורנו

# מ׳ שרה שנירר ע"ה

## האם של התנועה הדתית בין בנות ישראל.

שמה הטוב וזכרה לא ימושו מאתנו עד נצח וכעמוד־אש יאירו לנו את דרך־חיינו אשר בה נעלה בית־אל.

**המרכז והאכסקוטיבה של**

**„בנות אגודת ישראל" בפולין**

---

## גדול כים שברנו!

גרויס איז אונדזער צער און ווייטיק, קיין ווערטער קענען אים נישט אויסדריקן. אונדזער מאַמע איז נישטאָ מער. מן השמים האט מען צוגענומען די אם בישראל

# שרה שענירער ע"ה

און מיר, אירע קינדער, שטייען געבויגן ביי איר פרישן קבר — אוי לנו, נפלה עטרת ראשנו!

**די תלמידות פון „בית־יעקב"־סעמינאַר**
אין קראָקע

---

נרעשנו ונדהמנו מהאסון הנורא שקר הלנו ולכל בית ישראל במותה של מורתנו ומדריכתנו הגדולה

# מ׳ שרה שנירר ע"ה

מי ינחם אותנו ומי ירפא את שברנו? רק בעבודתנו להכשיר בנות נאמנות לאלקי ישראל ולארץ ישראל נמצא את נחמתנו.

**קבוץ־הכשרה**
של מרכז „בנות אגודת ישראל" ע"ש שרה שנירר ז"ל בלודז

---

עטופי אבל וספוגי צער עמוק אנו עומדים על קברה של אשת־המופת בצדקתה ובמעשיה הכבירים

# מ׳ שרה שנירר ע"ה

מחוללת תנועת־החנוך החרדית לבנות ישראל, תנועת „בית יעקב".

זכותה של האשה הגדולה הזאת תעמוד לה לתנועתנו זו ורוחה הטהור לא יסור ממנה עד עולם.

**תלמידות בית־הספר „בית יעקב" בלודז**
**ההנהלה וחבר־המורות**

# בית יעקב

## ליטעראַרישע שריפט פאר שול און היים

דינט די ענינים פון בית־יעקב שולן און ארגאַניזאַציעס בנות־אגודת־ישראל אין פוילן
רעדאַקטירט דורך א״ג פרידנזאן



| | | | |
|---|---|---|---|
| ב״ה לאדזש־וואַרשע־קראָקע | אדר ב׳ תרצ״ה | נומער 123 | צוועלפטער יאָרגאַנג |



## אין שווייגנדיקער אבלות...

צו מוראדיק דאָס אומגליק, צו שווער די טראַגעדיע, שוין צו האָבן דאָס פאַסיקע ווארט פאַר דער גרויסער פאָלקס־אבידה.

דער איינציקער הספד פאַר דער גרויסער נפטרת איז איצט:

האנק דום! שווייגן...

טרערן פון צענער טויזנטער אונדזערע גיטרייסטע יונגע קינדער, מישן זיך צווישן אט די שורות... גיו ייניך און יללות שפאלטן די העכסטע הימלען..

האַרצרייסנדיקע זיפצן מאַכן גליווערן דאָס בלוט אין די אדערן: „אונדזערע גרויסע, ליכטיקע און האַרציקע מאמע איז אוועק פון אונדז!"...

„מי יתן לנו תמורתה?" —

ווער קען דען א מאמין פאַרטרעטן?

דאָס ריינע, ערלעכע מאמע־האַרץ פון שרה שענירער קלאַפּט נישט מער.... דאָס גיטרייע שענירערישע מאמע־געפיל נישטאָ מער.

צו וועמין וועלן זיך טוליען די גיטרייע קינדער, ווען זייער גייסטיקע מאמע איז נישט מער דאָ ביי זיי?

• • •

מיט פאַרמאַכטע אויגן און דורך טרערן, ווערט לעבידיק פאַר מיר א בילד פון פאַר פופצן יאָרן:

איך בין אריינגעפירט געווארן אין א פרימיטיווער שטוב פון א הויז אין קראָקאווער געטאָ. אַן־אומבאַקאַנטע פרוי האט גילערנט מיט א צוויי צענדליק מיידלעך „ואהבת, און דו זאלסט ליב האָבן, את ה׳ אלקיך — ג—ט דיין ג—ט, בכל לבבך, מיט דיין גאַנץ האַרץ, ובכל נפשך מיט דיין גאַנצער נשמה, ובכל מאדך, און מיט דיין גאַנץ פאַרמעגן"....

ווער האט דאָס דעמלט גיחלומט אז פון די פאַר צענדליק מיידלעך וועלן במשך פופצן יאָר ווערן א פאַר צענדליק טויזנט, וואָס וועלן טאקי אזוי ליב האָבן דעם אייבערשטן מיט זייער גאַנץ האַרץ און נשמה.

יא, ווען שרה שענירערס ווערק בליט, וואַקסט און שטייגט — איז זי אליין, די מחברטע פונים גרויסן ווערק, אוועק אין די הימלען אויף אייביקן

ווי איז צו אונדזער דור, וואָס האט נישט זוכה גיווען לענגער צו דערהאלטן די אם בישראל!

• • •

„צדיק נתפס בעון הדור" — דער צדיק ווערט אוועקגיכאַפּט צוליב די זינד פונים דור. די גרויסע צדיקת שרה שענירער איז זיכער, צוליב אונדזערע חטאים אוועק אזוי פרי און יונג פון דער וועלט.

אשר האָבן אירע ריינע און ערלעכע אויגן נישט גיקענט צוקוקן מער, דאָס באַציען זיך צו איר לעבנס־ווערק „בית יעקב" מצד א טייל ארטאדאקסישע יידן אליין? אפשר האט איר עמפינדלעך מאמע האַרץ נישט גיקענט דערליידן די פאַסיווקייט פון א סך אונדזערע יידן צום חינוך פון זייערע היימען, זייערע טעכטער און עס איז גיפּלאַצט?

צי העלן כאטש אירע ליכטיקע אויגן וואָס האָבן זיך פאַרמאַכט, עפינען די אויגן פון די לעבידיקע, זאלן זיי זיך ארומקוקן און זייער היים ארומזעען און דערזעען דאָס גרויסע אור, דעם אור ה׳ וואָס לייכט פון „בית יעקב"!

**א״ג פרידנזאן.**



---

בשברון לב ובדכאון רוח אנו מבכות את מותה של גבורת־הרוח הכי גדולה אשר בדורנו

## מ׳ שרה שנירר ע״ה

### האם של התנועה הדתית בין בנות ישראל.

שמה הטוב וזכרה לא ימושו מאתנו עד נצח וכעמוד־אש יאירו לנו את דרך־חיינו אשר בה נעלה בית־אל.

**המרכז והאכּסקוטיבה של**
**„בנות אגודת ישראל" בפולין**

---

### גדול כים שברנו!

גרויס איז אונדזער צער און ווייטיק, קיין ווערטער קענין אים נישט אויסדריקן. אונדזער מאַמע איז נישטאָ מער. מן השמים האט מען צוגענומען די אם בישראל

## שרה שענירער ע״ה

און מיר, אירע קינדער, שטייען גיבויגן ביי איר פרישן קבר — אוי לנו, נפלה עטרת ראשנו!

**די תלמידות פון „בית־יעקב"־סעמינאַר**
אין קראָקע

---

נרעשנו ונדהמנו מהאסון הנורא שקר הלנו ולכל בית ישראל במותה של מורתנו ומדריכתנו הגדולה

## מ׳ שרה שנירר ע״ה

מי ינחם אותנו ומי ירפא את שברנו? רק בעבודתנו להכשיר בנות נאמנות לאלקי ישראל ולארץ ישראל נמצא את נחמתנו.

**קבוץ־הכשרה**
של מרכז „בנות אגודת ישראל" ע״ש שרה שנירר ז״ל בלודז

---

עטופי אבל וספוגי צער עמוק אנו עומדים על קברה של אשת־המופת בצדקתה ובמעשיה הכבירים

## מ׳ שרה שנירר ע״ה

מחוללת תנועת־החנוך החרדית לבנות ישראל, תנועת „בית יעקב".

זכותה של האשה הגדולה הזאת תעמוד לה לתנועתנו זו ורוחה הטהור לא יסור ממנה עד עולם.

**תלמידות בית־הספר „בית יעקב" בלודז**
**ההנהלה וחבר־המורות**

